בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

361 | פרשת מקץ | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'זאת עשו' און ענק וועלן ניצול ווערן פון גזירות

"וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי זֹאת עֲשׂוּ וִחְיוּ" (מב יח)

דער חיד"א שרייבט:

אין אונזער פסוק קענען מיר טרעפן א רמז אויף דעם וואס די חכמים זאגן (קהלת רבה ה ו): "דריי זאכן זענען מבטל שלעכטע גזירות. און זיי זענען: תפלה, צדקה און תשובה"; "זאת" - איז בגימטריה: 'קול' [ד.מ. תפילה], 'ממון' [ד.מ. צדקה], 'צום' [ד.מ. תשובה]. אויב "זֹאת עֲשׂוּ", וועט בטל ווערן יעדע שלעכטע גזירה וואס איז נגזר געווארן אויף ענק, "וִחְיוּ".

'יוסף תהלות' לג יא

### 'ירא שמים בסתר כבגלוי'

"וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי זֹאת עֲשׂוּ וִחְיוּ אֶת הָאֱלֹקִים אֲנִי יָרֵא" (מב יח)

רבי פנחס הורוויץ פון פראנקפורט זאגט:

פון דער פסוק זעט מען אז מענטש מעג זיך שטאלצירן אז ער איז א ירא שמים, אנדערשט פון אלע מצוות וואס אויף זיי איז ער באפוילן געווארן (מיכה ו ח): "וְהַצְנֵעַ לֶכֶת עִם אֱלֹקֶיךָ". די סיבה איז, ווייל יראת ה' איז א רעזולטאט פון א שטארקע אמונה אז דער באשעפער באצאלט פאר יעדן לויט זיינע מעשים, אזוי מ'זעט אין דער פסוק וואס שטייט ביי קריעת ים סוף (שמות יד לא): "וַיִּירְאוּ הָעָם אֶת ה', וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ".

און אזוי ווי א מענטש מעג מפרסם זיין אז ער איז א מאמין, איז אויך ווען עס האנדלט זיך פון יראת שמים וואס איז א רעזולטאט פון אמונה מעג מען מפרסם זיין.

לויט דעם קען מען זאגן אז די כוונה פון די ווערטער וואס מיר זאגן יעדן אינדערפריה פארן דאווענען: "לעולם יהא אדם ירא שמים **בסתר**", איז נישט אז דער מענטש דארף באהאלטן אז ער איז א ירא שמים, נאר ער איז מחוייב צו זיין א ירא שמים אויך ווען ער איז באהאלטן פון די אויג פון די מענטשן און קיינער זעט אים נישט.

'פנים יפות'

### זיך קלאר מתוודה זיין און פילן א ווייטאג

"וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ עַל אָחִינוּ אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ" (מב כא)

זאגט דער של"ה הקדוש:

אזוי ווי מיר טרעפן אז די ברודער פון יוסף האבן זיך נישט באגענוגט מיט דעם וואס זיי האבן מודה געווען אין די זינד פון זיין פארקויפן, נאר זיי האבן צוגעלייגט און אויסגערעכנט אלע חלקים פון די זינד: "אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ" - מיר האבן זיך פארהוילן פון זיין ווייטאג, "בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ" - אויך האבן מיר זיך פארהוילן פון זיין געבעט, אזוי דארף יעדער מענטש וואס טוט תשובה אויף זיינע עבירות אויסרעכענען יעדע פרט פון די זינד און זיך נישט באגענוגן מיטן דערמאנען נאר די עצם זינד.

נאך קען מען לערנען פון דא דעם חוב פון דער זינדיגער זאל חרטה האבן, עס זאל אים וויי טון זיינע עבירות, ווייל וועגן דעם האבן די ברודער פון יוסף געזאגט: "אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ" - 'אבל' איז פון לשון אבילות, ד.מ.: מיר דארפן קלאגן און די זינד זאל אונז וויי טון.

'שני לוחות הברית' מקץ דרך חיים עג

### אמן - שפע רב בכל העולמות

"וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל הָאָרֶץ הוּא הַמַּשְׁבִּיר לְכָל עַם הָאָרֶץ" (מב ו)

אויף די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן עס זאל זיך עפענען די שערי ברכה שרייבט דער **של"ה** (מס' תמיד אות פ):

"דער וואס האט אינזין צו יעדע ברכה וואס קומט ארויס פון דער מברך'ס מויל און ענטפערט אמן מיט כוונה ווי עס דארף צו זיין, איז גורם אויבן זייער א גרויסע קדושה, און איז משפיע אסאך גוטע השפעות אין אלע עולמות, ווייל ער עפנט דער מקור העליון מקור מים חיים, אזוי ווי דער וואס עפנט די קוואל אנטרינקען אלעס וואס מ'דארף אנטרינקען, און דער קול קומט אן ביז אויבן אין הימל, און טוט מעלדן אז די גאנצע גוט'ס און פרייד האט צוגעברענגט דער און דער פלוני א קנעכט פונעם הייליגן קעניג".

א רמז אויף דעם קען מען טרעפן אין אונזער פסוק: "וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל הָאָרֶץ" - די ראשי תיבות זענען בגימטריה 'אמן', דיך צו לערנען אז דער זכות פון ענטפערן אמן: "הוּא הַמַּשְׁבִּיר לְכָל עַם הָאָרֶץ".

נשיא 'בני אמונים' הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א

### 'דובר שקרים לא יכון לנגד עיני'

"וַיֹּאמֶר שָׁלוֹם לָכֶם אַל תִּירָאוּ אֱלֹקֵיכֶם וֵאלֹקֵי אֲבִיכֶם נָתַן לָכֶם מַטְמוֹן בְּאַמְתְּחֹתֵיכֶם כַּסְפְּכֶם בָּא אֵלָי וַיּוֹצֵא אֲלֵהֶם אֶת שִׁמְעוֹן" (מג כג)

מ'דארף פארשטיין: מנשה איז דאך געווען דער ממונה אויף פרעה'ס הויז (זעה ב"ר פד כ), איז וויאזוי האט ער דערמאנט דעם שם שמים אויף א ליגנט און א ווערטל?

ערקלערט **רבי יעקב גרייבסקי** פון די רבני ירושלים:

די ווערטער פון מנשה זענען געזאגט געווארן בדרך משל, און זיין באהאלטענע כוונה איז געווען א רמז פאר די ברודער פון יוסף אז די קייט פון די אלע געשעהענישן וואס פאסירן מיט זיי איז מיט א ציל זיי גוט'ס טון און העלפן, און אין ענדע וועלן זיי זען אז דער אייבערשטער האט זיי באהאלטן א "מטמון באמתחותיכם", ווען זייער ברודער יוסף וועט זיך באווייזן צו זיי. און ווייל אין זיין הארץ האט ער אינזין געהאט אויף א אמת'דיגע זאך, האט ער געמעגט דערמאנען דעם שם שמים אויף דעם, אזוי ווי מיר טרעפן (זעה נדרים כח א) אז אין געוויסע פעלער נוצט די כוונה צו ערקלערן וואס מ'האט געזאגט מיט די מויל.

און לייגט צו אז ענליך צו דעם האט אים מעיר געווען **רבי גרשון הַרְכַּבִי** פון די תלמידי הגר"א, אויף דער נוסח פון תחנון וואס מיר זאגן: "שאין אנו עזי פנים וקשי עורף לומר לפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו צדיקים אנחנו ולא חטאנו..."; אויב מיר רעדן דא מיט א לשון פון 'נישט' - אז מיר זאגן נישט קיין ליגנט, פארוואס דערמאנען מיר אומזינסט דעם שם שמים? וועגן דעם טייטש ער אז די כוונה איז אנדערשט: "שאין אנו עזי פנים לומר לפניך צדיקים אנחנו", פארוואס? ווייל דו ביזסט דאך: "ה' אלוקינו ואלוקי אבותינו" - און וויאזוי וועלן מיר זיך דערוואגן זאגן ליגנט פאר דיר?!

'ברית הלוי השלם' עמ' רל

### בדיקת חמץ אזוי ווי זוכן די בעכער

"וַיְחַפֵּשׂ בַּגָּדוֹל הֵחֵל וּבַקָּטֹן כִּלָּה וַיִּמָּצֵא הַגָּבִיעַ בְּאַמְתַּחַת בִּנְיָמִן" (מד יב)

פון דער לשון הפסוק: "וַיְחַפֵּשׂ... וַיִּמָּצֵא", לערנען ארויס די חכמים (פסחים ז ב) אז נאר א זאך וואס מ'האט געזוכט קען אנגערופן ווערן א 'מציאה'. פון דער יסוד לערנט מען ארויס דעם חוב פון בדיקת חמץ פאר פסח, ווייל עס שטייט (שמות יב יט): "שִׁבְעַת יָמִים שְׂאֹר לֹא **יִמָּצֵא** בְּבָתֵּיכֶם", און פון דא איז א ראי' אז מ'דארף אויפזוכן די חמץ בעפאר פסח כדי עס טרעפן און אויסרוימען.

דער **רמ"א** (או"ח תלב ב) שרייבט: "נוהגים להניח פתיתי חמץ במקום שימצאם הבודק, כדי שלא יהא ברכתו ['על ביעור חמץ'] לבטלה". אסאך וואונדערן זיך אויף דעם מנהג: דער בודק קען דאך גרינגערהייט געוואר ווערן וואו די ברעקלעך זענען באהאלטן, איז וויאזוי איז מען מקיים מיט די בדיקה די מצוה פון בדיקת חמץ?

א וואונדערליכער ענטפער אויף דעם ווערט געברענגט אין נאמען פון **טשעבינער רב**:

ווי געזאגט, די חוב פון בדיקת חמץ לערנט מען ארויס פון 'חיפוש' וואס שטייט אין אונזער פסוק. און ביי דער 'חיפוש', דער וואס האט געזוכט האט דאך געוואוסט אז די בעכער געפונט זיך אין די זאק פון בנימין, ווייל ער אליין האט עס דאך באהאלטן, דעריבער אויך דער 'חיפוש' פון חמץ וואס מ'לערנט ארויס פון דעם קען מען מקיים זיין אויך אויף דער אופן וואס דער בודק ווייסט וואו די חמץ געפונט זיך.

'פשט ועיון' [פון הגר"מ שטערנבוך] פסחים ז ב

"וְהָיָה יְחֶזְקֵאל לָכֶם לְמוֹפֵת כְּכֹל אֲשֶׁר עָשָׂה תַּעֲשׂוּ" (יחזקאל כד כד)

מאנטאג ו' טבת געפאלט אויס די יומא דהילולא פון הרה"ק
**בעל 'דברי יחזקאל' פון שינאווא**, וואס אויף אים זאגן עדות זיינע תלמידים:

**"דער רבי האט זיך משתדל געווען הערן יעדן טאג ברכות השחר פון עטליכע מענטשן, כדי צו ענטפערן אמן אויף די ברכות"**

'דברי יחזקאל' [החדש] עמ' שיט

'ברכות השחר' בחברותא - ניינציג אמנים פארן דאווענען



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'שעשה לי כל צרכי'

### א שבח אויף די שיך

פון דאס וואס די חכמים זאגן (ברכות ס ב) רעדנדיג איבער די ברכה 'שעשה לי כל צרכי': "כד סיים מסאניה, לימא [= ווען ער טוט אן זיינע שיך, זאל ער זאגן]: 'ברוך שעשה לי כל צרכי'", זען מיר אז די ברכה האט מען ספעציעל מתקן געווען אויף אנטון די שיך. אבער, דער לשון ברענגט ארויס א כלליות'דיגע לויב - "כל צרכי", ווייל דורך די שיך קען דער מענטש ערפילן אלע זיינע געברויכן, ער קען ארויסגיין פון זיין הויז און זיך אפגעבן מיט זיינע זאכן ('אבודרהם' סדר השכמת הבוקר). דעריבער ווען מיר זאגן די ברכה אויף די שיך, איז וויכטיג מיר זאלן אויך געדענקען די גוואלדיגע נוצן וואס מיר האבן פון דעם, אז דורך זיי קענען מיר טון אלע אונזערע געברויכן גרינג און באקוועם, און מיר ווען לויבן אויף דעם בלב שלם ('שפתי חיים' ביאורי תפילה עמ' נו).

אויף נאך א וועג ערקלערט רבינו מנוח (תפילה ז ו) די סיבה פארוואס ביי די ברכה אויף די שיך זאגן מיר דעם לשון 'כל צרכי': ווייל די שיך איז דער לעצטער מלבוש וואס דער מענטש טוט אן אינדערפריה, קומט אויס אז נאכן אנטון די שיך איז דער מענטש אינגאנצן אנגעטון, דעריבער דארף ער זאגן די ברכה: "שעשה לי כל צרכי".

### א שבח אויפן צושטעלן אונזערע געברויכן

פון די צווייטע זייט, עס זענען דא וואס האלטן אז אין די ברכה לויבן מיר ה' אויף דעם וואס ער שטעלט אונז צו אלע אונזערע געברויכן, און נישט נאר די שיך. און דער טעם פארוואס מ'האט מתקן געווען לויבן אויף דעם בשעת מיר טון אן די שיך, איז ווייל אין מסכת שבת (קכט א) זאגן די חכמים: "לעולם ימכור אדם [אפילו] קורות ביתו ויקח מנעלים לרגליו". דעריבער, ווען א מענטש פארמאגט שיך אן ער זאל דארפן פארקויפן עפעס פון זיין פארמעגן, דארף ער לויבן פון טיפן הארץ: "שעשה לי **כל** צרכי" ('מקור חיים' מו א; 'חכמת שלמה' או"ח מו א).

ענליך צו דעם שרייבט דער בעל 'יסוד ושורש העבודה': "עס ליגט א חיוב אויף דער מענטש צו זאגן די ברכה מיט א געוואלדיגע שמחה פון הארץ, און ער זאל האבן די ריכטיגע אמונה אין השי"ת אז ער וועט אים צושטעלן אלע זיינע געברויכן. און ספעציעל דער מענטש וואס דער אייבערשטער האט אים געשאנקען עסן און קליידער און א הויז מיט אלע באדערפענישן, זאל זאגן די ברכה מיט א געוואלדיגע שמחה און זאל אפגעבן א גרויסער שבח והודאה אויף די פארגאנגענהייט, און גלייבן אינעם צוקונפט. און טראץ די ברכה האט מען מתקן געווען אויף אנטון די שיך, זיכער דארף דער מענטש אין זיינע געדאנקען אפגעבן א שבח והודאה אויף אלעס גוט'ס וואס דער אייבערשטער האט אים געשאנקען".

רבי שמשון פינקוס שמועסט אויס דער ענין: א ספעציעלע געפיל ביים זאגן די ברכה האב איך געפילט אין די תקופה וואס איך האב זיך אריבערגעצויגן א וואוינונג; אין די געוועונליכע טעג, ווען אלע מיינע זאכן זענען אוועקגעשטעלט אויף זייער פלאץ אין מיין הויז, האב איך נישט אריינגעטראכט אין די קוואנטום פון די זאכן וואס השי"ת האט מיר געשאנקען. נאר ווען איך האב געדארפט צוזאמפאקן אלע מיינע זאכן בעפאר איך האב זיך אריבערגעצויגן, האב איך פלוצלינג אויפגעכאפט וויפיל זאכן טו איך פארמאגן, און וואו גוואלדיג איז די שפע וואס הקב"ה איז שטענדיג משפיע אויף מיר... ('נפש שמשון' - סידור התפילה עמ' קכג).

### 'כל שתה תחת רגליו'

אויך דער מהרש"ל ('סידור השל"ה' - ברכות השחר) ערקלערט אז אין די ברכה לויבן מיר אויף דעם וואס מיר האבן אלע אונזערע באדערפענישן, און די קשר צווישן די ברכה און אנטון די שיך, האט ער אזוי ערקלערט:

בשעת'ן באשאפן דער וועלט האט דער אייבערשטער פריער באשאפן די וויכטיג'סטע זאכן וואס טון אויספעלן צום לעבן, ווי ליכטיגקייט, לופט און וואסער, נאכדעם די געוויקסן וואס זענען געווידמעט פאר די שפייז פון די בעלי חיים, נאך זיי די עופות און די פיש, און נאך זיי די חיות און בהמות, און נאר אין ענדע דעם מענטש ער זאל קענען געניסן פון די אלע זאכן. דאס לערנט אונז אז דער מענטש איז דער 'ציל פון די גאנצע באשעפעניש' (זעה סנהדרין לח א).

דער פסוק (תהלים ח ז-ח) שילדערט דעם מענטש אז ער איז דער 'תכלית הבריאה' מיט די לשון: "תַּמְשִׁילֵהוּ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ כֹּל שַׁתָּה תַחַת רַגְלָיו; צֹנֶה וַאֲלָפִים כֻּלָּם וְגַם בַּהֲמוֹת שָׂדָי". און מ'קען עס אזוי ערקלערן, ווען דער מענטש טוט אן אויף זיין פיס שיך וואס זענען געמאכט געווארן פון לעדער פון א בעל-חי, ברעגט ער ארויס מיט דעם זיין געוועלטיגונג אויף די בעלי חיים, און ממילא אויך זיין געוועלטיגונג אויף די דומם און צומח וואס זייער דרגה איז נידריגער פון די דרגה פון בעלי חיים, און אויף דעם איז געזאגט געווארן: "כֹּל שַׁתָּה תַחַת רַגְלָיו". דעריבער האט מען מתקן געווען זאגן די ברכה "שעשה לי כל צרכי" אין די צייט וואס מ'טוט אן די שיך.

### די שיך טיילט אפ פון די קללה

רבי משה האגיז ('משנת חכמים' סי' רכא) ערקלערט אז אנטון די שיך האט אויך א רוחניות'דיגע נוצן, ווייל דאס טיילט אפ פון צווישן די פיס פון דער מענטש ביז די ערד וואס איז געשאלטן געווארן ביי די חטא פון אדם הראשון, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ו יז) "אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ". ווענן דעם גייט מען נישט מיט שיך זייענדיג אויף א הייליגע פלאץ, אזוי ווי הקב"ה האט באפוילן פאר משה ביי די 'סנה' (שמות ג ה): "שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא".

לויט דעם איז אזוי די כוונה פון די ברכה 'שעשה לי כל צרכי': דער הויפט באדערפעניש פון דער מענטש אויף דער וועלט איז זיך דערווייטערן פון א קללה און זיך באהעפטן צו די ברכה. ווייל די שיך ווי געזאגט העלפן צו דעם צו, דעריבער זאגט מען אויף זיי די ברכה "שעשה לי כל צרכי" ('אגרא דפרקא' אות דש).

רבי משה לייב סאסובער האט זיך געשטעלט אויף א וואונדערליכע באמערקונג אין דער נוסח הברכה: די סיבה פארוואס מיר זאגן נישט: "שעשה כל צרכי" נאר מיר לייגן צו: "לי", איז כדי אונז זאלן מיר זיך לערנען, אז נאר ווען עס האנדלט זיך ווענן זיך אליין דארף דער מענטש זיך מדבק זיין אין די מידת הביטחון און זיך באגענוגן מיט ווייניג, אבער ווען עס האנדלט זיך פון אנדערע, דארף ער שטענדיג טראכטן, אויב ער וועט נישט העלפן זיין חבר וואס איז געדרוקט און אים צושטעלן אלעס וואס עס פעלט אים אויס, וועט יענער נישט האבן (סידור 'דעת קדושים' ברכות השחר).

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁעָשָׂה לִי כָּל צָרְכִּי** - אויף דעם וואס ער האט מיך צוגעשטעלט שיך, וואס דורך זיי האבן איך די מעגליכקייט ארויסגיין פון מיין הויז און זיך אפגעבן מיט אלע מיינע באדערפענישן.

**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף די שיך וואס מיר האבן אויף די פיס וואס דורך זיי קענען מיר גיין און טון אלע אונזערע באדערפענישן.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א רעטונג פון הימל אינמיטן דאווענען מנחה

דער באקאנטער מגיד רבי ראובן קארעלנשטיין זצ"ל דערציילט:

אין מיינע בחור'ישע יארן האב איך זוכה געווען לערנען איין יאר אין די 'ישיבה למצוינים', אין שפיץ פון דער באקאנטער גאון רבי חיים אהרן טורצ'ין זצ"ל, א תלמיד און מקורב פון בריסקער רב ז"ל.

אין די ישיבה האבן געלערנט גוטע בחורים פון עטליכע חשובע ישיבות, און עס איז געווען באקאנט ווי א 'ישיבת הכנה' וואו דארט האבן די בחורים געלערנט א געוויסע צייט אלץ א הכנה אויפן אריינגיין צו די ישיבה פון הגאון רבי יוסף דוב הלוי סאלאווייטשיק דער זון פון בריסקער רב זצ"ל.

צוזאמען מיט מיר האט געלערנט א בחור א בן עליה, א זון פון די חשובע בענעדיקט פאמיליע פון בני ברק, וואס אין א יונגן עלטער זענען זיי פאר'יתומ'ט געווארן פון זייער פאטער רבי יחיאל זצ"ל וואס איז נפטר געווארן יונגערהייט, און זיי האבן געוואוינט אויף די סוקולוב גאס אין בני ברק.

איין טאג איז פארגעקומען די חתונה פון די שוועסטער פון דער בחור, און פארשטייט זיך אז ער איז אהיים געפארן זיך באטייליגן ביי די חתונה. עטליכע טעג שפעטער האט די מאמע זיך געגרייט אפרעכטן א סעודת 'שבע ברכות' אין זייער הויז, און ער האט זייער געוואלט זיך באטייליגן אין די שמחה, וויסנדיג אז זיין באטייליגן וועט זייער דערפרייען זיין מאמע די אלמנה וואס ווארט זייער שטארק אז אלע אירע קינדער זאלן א טייל נעמען.

אין יענע טעג איז געווען איינגעפירט אז א בחור פארלאזט נישט די ישיבה אן בעטן רשות פונעם ראש ישיבה, ווענן דעם ביימיטאג, פארן דאווענען מנחה, איז דער בחור צוגעגאנגען צו רבי חיים אהרן און געבעטן רשות צו פארן נאכאמאל קיין בני ברק צו די 'שבע ברכות', ווען ער לייגט צו: "מיין מאמע האט זיך זייער אנגעשטרענגט צו צוגרייטן די סעודה, און איך בין זיכער אז זי וויל זייער שטארק איך זאל קומען".

זיין איבערראשונג איז גרויס געווען ווען דער ראש ישיבה האט אים נישט ערלויבט פארן און אים געזאגט: "ביזסט שוין געווען אויף די חתונה, דארפסט נישט פארן א צווייטע מאל". דער בחור האט געהערט די ענטפער און עס אנגענומען, און אינגאנצן נישט געטראכט פון זיך טענה'ען - "אויב דער ראש ישיבה האט באפוילן נישט פארן, וועל איך נישט פארן!".

ארום א האלבע שעה פארן דאווענען מעריב, בשעת די 'סדר מוסר', האט דער בחור זיך אוועקגעזעצט נעבן א סטענדער און האט אנגעהויבן לערנען אין די מוסר-ספר וואס איז געווען אקעגן אים. עס גייט נישט אדורך נאר עטליכע מינוט און פלוצלינג באמערקט דער בחור די געשטאלט פון רבי חיים אהרן וואס שפאנט צו זיין ריכטונג; "בענעדיקט, פאָר יא!" - האט ער אים געזאגט מיט איבערראשונג, און איז באלד צוריק צו זיין פלאץ.

עטליכע מינוט זענען אריבער, און רבי חיים אהרן וואס האט באמערקט אז דער בחור האט זיך נאכנישט אויפגעשטעלט, איז ווידער אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ און אים געפרעגט: "פארוואס פארסטו נישט?".

"איך טראכט צו דאווענען מעריב פריער" - האט דער בחור געענטפערט, און האט ערקלערט: "ווער ווייסט צי ווען איך וועל אנקומען אין בני ברק וועל איך טרעפן א מנין". אין יענע צייטן האט א נסיעה פון ירושלים קיין בני ברק געדויערט א לאנגע צייט, און די שטאט בני ברק איז געווען א קליינע שטאט מיט ווייניג איינוואוינער.

אבער דער ראש ישיבה האט זיך גע'עקשנ'ט: "שוין יעצט זאלסטו פארן!", האט ער געזאגט, און דער בחור האט נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר צו פאלגן.

ווי געזאגט, אין יענע צייטן איז א רייזע קיין בני ברק געווען זייער א שווערע זאך. עס איז נישט געווען א באס וואס איז געפארן פון ירושלים קיין בני ברק, און דער וואס האט געוואלט פארן פון ירושלים קיין בני ברק האט פריער געדארפט ארויסגיין אויף די יפו'ער גאס, דארטן 'כאפן' א טעקסי אדער א באס וואס פארט קיין תל אביב, און פון תל אביב פארן מיט א אנדערע באס קיין בני ברק.

דער בחור בענעדיקט איז ארויס פון ישיבה צו די ריכטונג פון די יפו'ער גאס. אנקומענדיג צו די טעקסי'ס סטאנציע איז ער ארויף אויף די ערשטע טעקסי, און ביז עטליכע מינוט האט זיך אנגעפילט די טעקסי און האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג. נאך א לאנגע צייט האט דער בחור ארויסגעקוקט פון פענסטער און איז איבערראשט געווארן צו זען די באקאנטע בני-ברק'ער הארי‌זאנט. ער האט זיך פארגעשטעלט אז דער דרייווער האט צוליב א געוויסע סיבה געטוישט זיין וועג, און יעצט זענען זיי נישט ווייט פון בני ברק. ער האט געבעטן פונעם דרייווער זאל זיך אפשטעלן אין די זייט, און דער דרייווער האט נישט געפרעגט קיין איבעריגע פראגעס, נאר ער האט זיך אפגעשעלט, און בחור איז אראפ און דער דרייווער האט פארגעזעצט זיין וועג.

נאר ווען די רויעך פון די מאטאר פון די טעקסי' איז צוגעגאנגען געווארן, האט דער בחור אויפגעכאפט אז ער האט געהאט א טעות. ער געפונט זיך ווייט פון בני ברק... די הייזער ארום האבן געהאט אויסגעזען פונקט ווי די הייזער פון בני ברק, יעצט שטייט ער אינמיטן א טונקעלע גאס, נאנט צו די שטעטל באר יעקב, וואס זאל ער יעצט טון? זאל ער אריינשפאצירן צו די דערנעבנדיגע שטעטל, אדער פרובירן אפשטעלן א 'טרעמפ'...?

ווען ער טראכט ביי זיך וואס צו טון, שטעלט זיך פלוצלינג א טענדער און אין דעם א באקאנטן פנים... א באקאנטער פון זיין פאמיליע, הרב דרבקין פון בני ברק, וואס פארט יעצט צוריק פון 'באר יעקב', וואו דארט דינט ער אלץ א מגיד שיעור, און יעצט, בהשגחה פרטית איז ער פונקט דארט אדורך. "בענעדיקט, וואס טוסטו דא?" - האט ער געפרעגט, און דער בחור האט געענטפערט: "איך בין אראפ פון די טעקסי' ווייל איך האב געמיינט אז איך בין שוין אין בני ברק, און נאר נאכן אראפגיין האב איך געכאפט אז איך האב געהאט א טעות...".

"עס זעט אויס אז דו האסט נישט געהאט א טעות..." - האט הרב דרבקין געשמייכלט און אים געבעטן ארויפקומען אויפן טענדער, "מיר פארן דאך סיווי קיין בני ברק, מיר וועלן אייך טראגן ביזן הויז...". א העכטע השגחה פרטית.

ער איז אנגעקומען אין שטוב נאך בעפאר די 'שבע ברכות' האט זיך אנגעהויבן, און אנשטאט זיך צו פרייען זעט אויף יעדנ'ס פנים א שרעק, "וואס איז געשען?" - האט ער געפרעגט מיט ציטער, און איינע פון די טעכטער האט אים ערקלערט אז אינמיטן די צוגרייטונגען האט זיין מאמע איינגעשלינגען א קערנדיל פון א זית און יעצט קען זי כמעט נישט אטעמען...

דארט האט זיך נישט געפונען איינער וואס האט איך געקענט העלפן, און זי האט אנגעהויבן בלוי ווערן... ער האט אבער 'א געוואוסט וואס צו טון. עמיצער האט אים אמאל ערקלערט וואס מ'דארף צו טון כדי ארויסנעמען א פרעמדע זאך וואס האט זיך אפגעשטעלט אין די 'קנה', ער האט זיך גערייאלט צו זיין מאמע, און ביז עטליכע סקונדעס איז די קערנדיל געווען אינדרויסן.

נאך וואס אלע האבן זיך בארואיגט האט דער בחור אנגעהויבן איבערגיין די געוואלדיגע נס וואס ער האט זוכה געווען זיין א חלק פון דעם. א ריכטיגע 'מופת'; רבי חיים אהרן האט אים באפוילן: "פאָר יעצט!", און פון יענע מינוט האט זיך אלעס געפירט אזוי ווי די השגחה עליונה האט אלעס צוגעגרייט פון פריער ביז די ריכטיגע מינוט וואס איז געווען גרייט צו ראטעווען די לעבן פון זיין מאמע.

אויפצומארגנ'ס פון די 'שבע ברכות' איז ער צוריק געפארן קיין ירושלים און איז באלד צוגעגאנגען צו די צימער פון ראש ישיבה. נאכן שילדערן קורצערהייט די וואונדערליכע השתלשלות הענינים, האט ער זיך אינטערעסירט: "איך וויל וויסן, פון וואו האט דער ראש ישיבה געוואוסט אז איך דארף פארן פונקט אין די מינוט כדי צו ראטעווען מיין מאמע? און אלנספאלס, פארוואס האט דער ראש ישיבה צוריקגעצויגן פון זיין ערשטע מיינונג אז בעסער איז איך זאל נישט פארן?"

רבי חיים אהרן האט זיך פארטראכט אביסל, און נאכדעם האט ער געענטפערט געלאסן:

"מיטן אייבערשטנ'ס הילף, פון אייביג אן, ווען איך דאוון 'שמונה עשרה' קומט נישט אריין אין מיין מח קיין מחשבות זרות. נעכטן אינמיטן דאווענען מנחה, א קורצע צייט נאכן דיך הייסן איבערבלייבן אין ישיבה, האב איך אנגעהויבן די ברכה: "ברך עלינו", און פלוצלינג דיין נאמען 'בענעדיקט' קומט מיר ארויף אין די געדאנקען. איך האב פרובירט פארזעצן דאס דאווענען, אבער די ווארט 'בענעדיקט' האט נישט אויפגעהערט צו לעכערן מיין קאפ, איך האב פארשטאנען אז פון הימל וויל מען מיר עפעס מרמז זיין, האב איך באשלאסן אז ביי די 'סדר מוסר' וועל איך נאכאמאל איבערטראכטן די ענין, און איך וועל פרובירן נאכגיין די באדייט פון די מחשבות וואס האט מיך אנגעכאפט אינמיטן שמונה עשרה.

ביי די 'סדר מוסר' האב איך געמאכט א חשבון הנפש, און איך בין צוגעקומען צו א באשלוס אז עס איז נישטא קיין עקסטערע סיבה וואס ווענן דעם בין איך געשטראפט געווארן מיט אזא 'שמונה עשרה'... אויסער די זאך אז פון הימל וויל מען מיר ווייזן אז מיין באשלוס דיר הייסן בלייבן אין ישיבה איז נישט ריכטיג. ווענן דעם האב איך זיך געאיילט צוגיין צו דיר און דיר הייסן שוין פארן.

"מיך האט 'געכאפט' די ספעציעלע ערציילונג, נישט צוליב די וואונדערליכע 'מופת'..." - ענדיגט רבי ראובן די ערציילונג וואס ער האט מיטגעהאלטן, "די ערציילונג האט מיך מעורר געווען, ווי ווייט א מענטש קען דערגרייכן און צוקומען; געב א קוק, א ערליכער איד דערציילט אויף זיך אז יעדן טאג דאוונט ער שמונה עשרה אן קיין פרעמדע מחשבות, און נישט נאר איין טאג - נאר א גאנצן לעבן! לא בשמים היא!".

'יחי ראובן' וירא

עיצובים shay